דברים חוצבים
מלהבות אש

# דרשת חיזוק והתעוררות

## שהשמיע מכ"ק מרן
## רביה"ק זצוקללה"ה

א דרשה ספעציעל פאר די נשים
צדקניות תושבי קריתינו פיל מיט חיזוק
והדרכה פאר א יודישע שטוב

**הכנה לימי הרחמים והסליחות**
**בחודש תמוז תשנ"ח לפ"ק**


י"ל לקראת ההילולא קדישא ז"ך אב תשפ"ה
פק"ק קרית טאהש יצ"ו

ב"ה

**אבריוו צו אייך חשוב'ע נשים צדקניות תושבי קריתינו הק' הע"י**

עס קען טאקע עקזיסטירן צווישן אונז אזא סארט געפיל: יא, איך וואוין טאקע אין דעם לעכטיגן שטעטל, "קרית טאהש המעטירה" איך האב הנאה פון דעם אטמאספער ברוחניות ובגשמיות, און ווי מען הערט כסדר פון די אפטע געסט און באזוכער, אז דא שפירט מען א ריינע לופט און א ספעציעלע אויר וואס מען שפירט נישט און מען זעט נישט אזאנס ערגעץ אנדערש. אבער וואס איז מיין חלק אין דעם? איז עס טאקע אזוי אז מיין אנוועזנהייט אין מיין באליבטע שטאט מאכט אויס פאר די גאנצע ארום? וואס מיינט מיין פריוואטע אויפפירונג כלפי דעם גרויסן בילד, אוועקצושטעלן דעם קאליר און ארגינעלע געשטעל פון אונזער שטעטל, פאר וואס דארף איך נעמען א התחייבית וועגן דעם וכדו'.

דאס אומקלארקייט קען צומאל גורם זיין א פארנאכלעסיגקייט און די הויפט פונדאמענטן אויף וואס דער שטעטל איז אוועק געשטעלט געווארן - און גייט אן ב"ה עד היום הזה, די באשיידענקייט און אפשיי פון די פרעמדע גאס מיט אירע איבלען און גוישקייטן, ווען נישט ווילנדיג כאפן זיך אריין זאכן וואס האבן דירעקט אדער אומדירעקט א שטארקע השפעה אויף די גאנצע שטעטל, פירנדיג צו א ריכטונג וואו קיינער פון אונז וויל נישט אז עס זאל אזוי אויסזען.

מיר שיקן דא ארום קלארע יסודות'דיגע ווערטער, וואס איז נוגע און וויכטיג פאר יעדעם איינעם, צו פארשטיין וואס איז אונזער ציל און התחייבות אין לעבן בכלל, און בפרט אז מיר וואוינען אין אזא הייליגע פלאץ ארומגענומען מיט נאר היימישע אידישע ברודער. לייענדיג די שורות וועט זיך ביי אייך אויף פרישן די פשוטע אידישע געדאנקענגאנג מיט א געוואלדיגע קלארקייט און לעכטיגקייט צו וויסן געגוי וויאזוי מען דארף זיך פירן.

די הייליגע דרשה איז געזאגט געווארן מיט יארן צוריק דורך דעם גרינדער פון אונזער הייליגן שטאט, דער הייליגער רבי זי"ע, און איז אקוראט נוגע און וויכטיג עד היום הזה, כאטש וואס דער יצר הרע וואס שלאפט נישט איז שוין אין די צייט אויפגעקומען מיט נייע אויסטרעפן און מהלכים מיט וועלכע ער פרובירט זיך אריינצוכאפן אין אונזער מחנה, וועלן די קלארע ווערטער פון דעם צדיק אמת אריינשיינען און געבן דעם ריכטיגן בליק וויאזוי זיך צו פארמעסטן מיט די נייע נסיונות ביז משיח'ס טאג בקרוב ממש.

אריינטרעטנדיג אין די הייליגע טעג, ווען יעדע אידיש הארץ איז מער אפן און וואכזאם ווי א גאנץ יאר, און יעדער זוכט זכותים און מעשים טובים געבענטשט צו ווערן מיט א גוטע יאר, איז די פאסיגע צייט זיך אראפצוזעצן מיט רואיגקייט און אדורך קוקן מיט ערענסטקייט דעם קונטרס, און זען מיט וואס מען קען בעסער ווערן אין אלע הינזיכטן, אין דעם זכות וועלן מיר אלע פארשריבן ווערן צו א זיס לעכטיג יאר לאלתר לחיים טובים ולשלום מיט א שנת גאולה וישועה בביאת גואל צדק ומלכנו בראשנו במהרה בימינו אמן.

דער נביא זאגט דרשו ה' בהמצאו, זוכטס דעם אייבערשטן אין די צייט וואס ער געפונט זיך צווישן אונז, קראוהו בהיותו קרוב, רופטס אים ווען ער איז נאנט, דרש'ענען חז"ל אז דאס מיינט מען די הייליגע טעג, דעמאלטס קען מען גרינגער צוקומען צום אייבערשטן ממילא יעצט אז מ'האלטן מיר אינעם חודש תמוז, וואס דאס איז שוין די לעצטע פערטל פונעם יאר, ווי ס'שטייט אין די ספרים הקדושים, אז די יאר איז איינגעטיילט אין פיר חלקים, יעדע דריי חדשים גייען אינאיינעם, ניסן אייר סיון, תמוז אב אלול, תשרי חשון כסליו, טבת שבט אדר, ממילא זענען די דריי חדשים 'תמוז אב אלול' געבונדען אינאיינעם, פון חודש תמוז דארף מען שוין אנהייבן זיך צו גרייטן צום חודש אלול און צו די הייליגע טעג, און אזוי שטייט פון של"ה הקדוש אז תמו"ז איז ראשי תיבות ז'מני ת'שובה מ'ממשמשין ו'באין, די נאמען פון דעם חודש קומט שוין ערוועקן דאס הארץ, אז די צייט פון תשובה קומט שוין. און אזוי שטייט אין שולחן ערוך, אז די וואס פירן זיך צו פאסטן פערציג טעג ביז יום כיפור, איז דא וואס הייבן שוין אן צו פאסטן אין חודש תמוז, כדי ס'זאל זיין פערציג טעג חוץ די שבתות וימים טובים.

ממילא האט מיר דער באשעפער חונן דעת געווען, אז איך זאל יעצט צוזאמען רופן די נשים צדקניות, **אז מ'זאל הערן וואס דער אייבערשטער וויל פון אונז האבן,** ווייל מ'דארף כסדר לערנען דברי מוסר און הערן דברי מוסר, ווי שלמה המלך זאגט שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך, אפילו א מענטש מיינט אז ער ווייסט שוין אן דעם אויך, דאס איז נאר א דמיון, ס'דאכט זיך נאר אז ער ווייסט, דער אייבערשטער וויל אז מ'זאל הערן מוסר, כדי מ'זאל מער וויסן און בעסער פארשטיין ווי אזוי א יוד ברויך זיך צופירן, און ווי אזוי א יודישע שטוב ברויך זיך צו פירן, און ווי אזוי מ'ברויך מחנך צו זיין די קינדער.

אין די וואכעדיגע סדרה שטייט, וידבר ה' אל משה לאמר, פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן, טייטשן די ספרים הקדושים, אז בן אהרן הכהן גייט ארויף אויף פנחס בן אלעזר, פנחס אליין איז געווען א זון פון אהרן הכהן, ווי ס'שטייט אין זוהר הקדוש אז ווען ער האט מקנא געווען קנאת ה' איז אריינגעגאנגען אין אים די נשמות פון נדב ואביהו וואס זענען געווען בני אהרן הכהן, זאגט דער פסוק ווי אזוי האט פנחס צו דעם זוכה געווען, וואס האט ער געטון צו דעם, השיב את חמתי מעל בני ישראל, פנחס האט אפגעטון די גרויסע צארן פון יודישע קינדער, ער האט אפגעשטעלט די מגפה, בקנאו את קנאתי בתוכם, דורכדעם וואס ער האט מקנא געווען קנאת ה', אז ער האט געזען אז ס'טויג נישט האט ער דאס נישט פארשוויגען נאר ער האט זיך אנגענומען פארן אייבערשטן, דער אייבערשטער וואלט געברויכט צערענען, האט זיך פנחס אנגענומען פאר'ן אייבערשטען, און דורכדעם ולא כליתי את בני ישראל בקנאתי, דורך דעם איז דאס גאנצע יודישקייט נאך געבליבן, ווען נישט דעם וואלט חלילה דער כלל ישראל פארלענדט געווארן, לכן אמור הנני נותן לו את בריתי שלום, וויבאלד ער האט דאס געטון, האט אים דער אייבערשטער געגעבן את בריתי שלום, שלום מיינט די תורה ווי ס'שטייט אין תהלים ה' עוז לעמו יתן, דער באשעפער האט געגעבן פאר יודישע קינדער די תורה, עוז הייסט די תורה, ה' יברך את עמו בשלום. און דאס איז אויך פשט וואס מ'זאגט יעדן טאג בא"י המברך את עמו ישראל בשלום, שלום מיינט די תורה, דאס איז טייטש הנני נותן לו את בריתי שלום, דורכדעם וואס פנחס האט מקנא געווען קנאת ה', האט ער צוריק געברענגט די תורה צו כלל ישראל, און ממתיק געווען די דינים.

ממילא דארף א יוד זיך אלץ אננעמען פאר'ן כבוד ה', ער דארף זען ס'זאל זיין וימלא כבודו את כל הארץ, מ'טאר נישט שווייגען פארדעם זענען מיר זיך צוזאמען געקומען היינט, **ווייל דער אייבערשטער פארלאנגט איך זאל זאגן די תקנות, און איך פארלאנג אז יעדער זאל דאס איינהאלטן, ווייל אלעס וואס איך זאג איז דאס וואס דער אייבערשטער וויל איך זאל זאגן,** די אלע זאכן וויל דער אייבערשטער איך זאל דאס איבערגעבן, און איך זאל נאכקוקן אויב ס'ווירט זיך, איך האף אי"ה אז מ'וועט זען א שינוי לטובה און אן אור חדש.

די אלע תקנות זאל יעדער גוט דורכקוקן, און יעדער זאל דורכרעדן מיטן מאן ווי אזוי מ'זאל א יעדע זאך משנה זיין לטובה, און טאקע מיט הארץ זאל מען דאס אלעס מקיים זיין, תכין לבם תקשיב אזניך, מיט הארץ איז טייטש אז מ'זאל פארשטיין אז מ'דארף זיך טאקע אזוי צו פירן, די הארץ איז טייטש הבנה ווי ס'שטייט הלב מבין, אין הארץ ליגט פארשידענע געוואלדיגע זאכן, זאל מען זען צו טון די אלע זאכן בלב שלם, עס זאל זיין לך אמר לבי בקשו פני, מ'זאל עס פארעכטן סיי בפנימיות אין הארץ זאל מען דאס פארשטיין, און סיי בחיצוניות במעשה.

די ערשטע זאך איז דער ענין פון קביעת עתים לתורה ולתפלה, די גמרא זאגט אז ווען מ'קומט ארויף אין הימל איבער די הונדערט יאר, פרעגט מען, קבעת עתים לתורה, האסטו קובע געווען צייט פאר תורה לערנען, פארוואס פרעגט מען דאס די ערשטע, ווייל אן די תורה קען מען זיך נישט רירן, אז מ'לערנט נישט די תורה ווייסט מען נישט ווי אזוי א יוד דארף זיך צו פירן, מ'ווייסט נישט וואס מ'מעג יא און וואס נישט, תורה איז א לשון מורה, דאס לערנט אונז ווי אזוי צו זיין א יוד ממילא ברויך א יעדע שטוב צו וויסן, **- אז דער מאן דארף האבן א שיעור קבוע, אזוי ווי ער דארף גיין דאווענען א יעדן טאג צו די צייט, אזוי דארף ער גיין לערנען,** - אפילו ווען איינער איז א בעל הבית, ער פירט געשעפטן, דארף ער האבן שעות צום לערנען וועגן דעם האלט איך פאר וויכטיג, אז - **די נשים צדקניות דארפן זען אז די מענער זאלן האבן צייט צו קובע עתים זיין לתורה יעדן טאג,** - ס'איז נישט פארהאנען אז מ'זאל נישט קענען קובע עתים לתורה זיין, איי מ'איז זייער פארנומען ס'איז ממש נישט דא קיין צייט, דארף מען פאר די תורה גנב'ענען צייט, ווי ס'שטייט דאס לשון קבעת עתים לתורה, קבעת איז א לשון פון גזל'ן, ווי ס'שטייט וקבע את קובעיהם נפש, מ'דארף גנב'ענען צייט צו לערנען תורה, אויף דעם וואס מ'וויל איז שוין דא צייט, מ'דארף נאר האבן דעם דעת צו נוצן די צייט אויף וואס מ'דארף.

און דער זכות אליין וועט מגין זיין פאר די נשים צדקניות צו ווערן געהאלפן און צו ווערן אויסגעלייזט פון אלע שוועריגקייטן, ווי די גמרא זאגט אז די זכות פון א יודישע מאמע, איז דאס וואס די מאמע פירט די קינדער און טוט זיי צוגרייטן צו קענען גיין לערנען די הייליגע תורה, און זי גיט צייט פאר די מאן אז ער זאל קענען גיין לערנען, **דאס היט זיי אפ פון אלע צרות.**

זאל מען זען למען השם, מ'זאל דאס מקיים זיין מיט אלע כחות, מ'איז געקומען דא היינט נאכט הערן וואס דער אייבערשטער וויל, וואס דער אייבערשטער בעט, דער אייבערשטער בעט די קביעת עתים לתורה, ווייל די גאולה שלימה ווענדט זיך אין די תורה, אין דעם זכות וואס מ'לערנט די תורה, און מ'איז מקיים וואס די תורה הייסט, וועט קומען די גאולה שלימה, ווי ס'שטייט ציון במשפט תפדה, משפט מיינט די תורה די משפטי ה' דורכדעם וועט ציון ווערן אויסגעלייזט און ס'וועט קומען די גאולה שלמה.

אזוי אויך ביים דאווענען שטייט אויך דאס לשון הקובע מקום לתפלתו אלהי אברהם בעזרו, קובע מקום איז נישט

ווייל דער אייבערשטער פארלאנגט איך זאל זאגן די תקנות, און איך פארלאנג אז יעדער זאל דאס איינהאלטן, ווייל אלעס וואס איך זאג איז דאס וואס דער אייבערשטער וויל איך זאל זאגן,

טייטש נאר דאס פלאץ, נאר אז ער קומט מיט א קביעות אין די צייט, און ער שטעלט זיך אויף א פלאץ א גאנצן דאווענען, דעמאלטס איז אלהי אברהם בעזרו. אלהי אברהם בעזרו קען זיין פשט, ווייל אברהם איז געווען מדת אהבה, אז א יוד איז קובע מקום לתפלתו, ווערט נתעורר די אהבה פונעם אייבערשטן צו כנסת ישראל, וואס די אהבה איז בלתי גבול ותכלית, ווי מ'זאגט אהבת עולם אהבתנו ה' אלהינו, "עולם" אייביג אן א סוף, און שבת ווערט נתעורר נאך א העכערע בחינה פון אהבה, ווי מ'זאגט שבת "אהבה רבה" אהבתנו וכו' דאס קומט דורך קביעת עתים לתורה ולתפלה, דעמאלטס ווערט נתעורר די געוואלדיגע אהבה וואס דער אייבערשטער האט ליב א יוד.

נאך איז טייטש אלהי אברהם בעזרו, אז ס'ווערט נתעורר אויף אים די מדה פון אברהם מדת החסד, ס'ווערט נשפע אויף אים רחמים וחסדים, דער רבוש"ע באגלייט אים ביי אלע זיינע מעשים, און ער קען געהאלפן ווערן בכל מיני ישועות.

נאכדעם דאס ענין פון מאכלים, דוד המלך זאגט אין תהלים לעשות רצונך אלקי חפצתי ותורתך בתוך מעי, איך וויל טון דעם אייבערשטענס רצון און מקיים זיין די תורה, דאס אלעס ווענדט זיך אבער "בתוך מעי", אויב מ'עסט חלילה מאכלים וואס זענען נישט ווי ס'דארף צו זיין, אדער מ'עסט זיך אן מיט מותרות און איבריגע תאות, האלט דאס אפ פון טון דעם רצון הבורא ס'פארשטעלט די השגה ל"ע, און מ'קען אינגאנצן אראפפאלן פון יודישקייט דורכדעם חלילה.

וועגן דעם ברויך מען זייער וויכטיג צו וויסן, קודם וועגן די הכשרים, אז **- ביי אלע מיני מאכלים וואס מ'קויפט, דארף מען זייער אויפפאסן וואס מ'נעמט אריין, עס ברויך צו האבן א גוטע און שטארקע השגחה -** וואס איז נאמן, דאס אליין אז ס'איז כשר און ס'האט א הכשר, דאס איז נאך זייער א שוואכע זאך, ביי יעדע מאכל דארף מען עקסטער געוואר ווערן אויב ס'איז גענוג גוט, און אויב מ'זעט אז ס'איז דא א חשש כל דהוא אפילו א ספק ספיקא, זאל מען דאס נישט ניצן חלילה. דאס דארף סיי דער מאן אכט געבן ווען ער עסט עפעס אדער ברענגט עפעס אריין אין שטוב, און סיי ווען די ווייב עסט עפעס אדער ברענגט אריין. אמאל אז מ'דארף האבן א מאכל פאר געזונט, לצורך רפואה, דארף מען פרעגן א שאלה ווי אזוי מ'קען דאס נוצן אבער מ'טאר חלילה נישט מיקל זיין סתם אזוי, ווייל דאס גאנצע יודישקייט ווענדט זיך אין דעם.

אויך וועגן די ווערים וואס ס'מאכט זיך אין די מאכלים דארף מען שטאק נאכקוקן און אויך די קינדער זאלן וויסן פון דעם אלעם, מ'זאל אריינלייגן אין די קינדער אויך, זיי זאלן שטארק וויסן צו זיין אפגעהיטן אז ס'זאל נישט זיין קיין מאכלות אסורות, און קיין שום חשש אויפן מאכל .

און די זעלבע ביי דאס עסן וואס איז שוין יא אויסגעהאלטן אינגאנצן, דארף מען מען וויסן אז

-אין א יודישע שטוב דארפן די מאכלים זיין געמאכט אויף א דרך הממוצע, אויף א מיטל וועג, אויב די קאפ ליגט נאר צו האבן אלץ בעסערע מאכלים מער תאות עולם הזה, ברענגט דאס אריין אין שטוב א כח פון תאות רעות רח"ל, און דאס פארשטעלט אויך די השגה, אפילו ס'איז כשר לכל הדיעות- א גוי להבדיל עסט למלאות תאות גופו, אבער א יוד טאר נישט עסן למלאות תאותו, נאר די כוונה דארף זיין ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן עסן, כדי מ'זאל האבן כח צו טון דעם רצון הבורא, און כדאי מעלה צו זיין די אלע ניצוצות און נשמות וואס ליגן אין די מאכלים, וואס זיי האבן אן עליה דורכדעם וואס מ'עסט ווי ס'דארף צו זיין, און דורכדעם וואס מ'דינט דעם אייבערשטן מיט דעם כח.

כאטש דער בעל דבר שטעלט אלץ אונטער, ער רייצט אן, ער מאכט אזוי אז ס'זאל שמעקן צו עסן ברייטע מאכלים, און עסן ברייט רחמנא ליצלן, דארף א יוד הארעווען מבטל צו זיין זיינע רצונות, ווי די משנה זאגט בטל רצונך מפני רצונו, זאלסט מבטל זיין דיין אייגענע ווילן וועגן דעם רצון הבורא. אונז וויל מיר דאך אלע טון רצון הבורא, וכלם עושים באימה וביראה רצון קוניהם, און אויף דעם איז די וועלט באשאפן געווארען, נאר צו טון וואס דער אייבערשטער וויל, און דער אייבערשטער וויל דאס, אז א יוד זאל זיין פרוש פון תאות עולם הזה, מ'זאל נישט זיין חלילה קיין בעל תאוה ממילא ברויך מען דאס צו וויסן, און מ'זאל דאס גוט איינצופלאנצן אין די קינדער.

און אזוי אויך די ברכות הנהנין זאלן זיין ווי ס'דארף צו זיין, מ'זאל בענטשן ערליך און אלע ברכות זאל מען מאכן מיט כוונה ערליך, מ'זאל טון אלעס כתורה וכהלכה.

די דריטע זאך איז דער ענין פון צניעות, צניעות איז שייך סיי ביי א זאך וואס מ'דארף צו טון בסתר, און סיי ביי א זאך וואס מ'דארף צו טון בגלוי, אלץ דארף מען זיין בצניעות באהאלטן, דאס איז א סימן פון א ירא שמים אז אפילו בסתר פירט ער זיך בצניעות, ווי מזאגט יעדן טאג ביים דאווענען, לעולם יהא אדם ירא שמים בסתר ובגלוי, סיי ביי א זאך וואס ער ברויך צו טון בסתר און סיי ביי א זאך וואס ער ברויך צו טון בגלוי, אלעס ברויך צו זיין מיט יראת שמים, אויף דעם זאגט דער נביא מה ה' אלהיך שואל מעמך וגו', כי אם עשות משפט ואהבת חסד "והצנע לכת עם אלקיך", דער אייבערשטער וויל א יוד זאל זיך פירן בצניעות, באשיידן, די לבוש זאל זיין איידל און באשיידן, נישט מגולה און נישט אויפאלענד, אויב מ'פירט זיך חלילה נישט בצניעות איז עס חלילה אן ערוה, ולא יראה בך ערות דבר, ס'איז א תועבה, פאראומווירדיגט, אזוי ווי עבודה זרה ווערט אנגערופן תועבה, ווי ס'שטייט ולא תביא תועבה אל ביתך, **די זעלבע אז מ'פירט זיך נישט בצניעות איז עס אזוי ווי מ'דינט עבודה זרה רח"ל**, ס'איז א תועבה בעיני ה'.

דער טאטע זכרונו לברכה איז געווען רב אין דעמעטשער, האט ער אמאל ביי א דרשה נאכגעזאגט פון דובנער מגיד, א משל אויפן פסוק וואס שטייט ביי די פרשה פון עריות, 'אל תטמאו בכל אלה כי בכל אלה נטמאו הגוים אשר אני משלח לפניכם, ותטמא הארץ ואפקוד עונה עליה ותקיא הארץ את ישביה' האט ער געזאגט א משל אויף דעם: אן עושר האט געהאט א יונגל, ער האט געוואלט דאס יונגל זאל קענען לערנען, האט ער גענומען א ארימאנ'ס יונגל מיט אים, און ער האט געדינגען א מלמד ער זאל לערנען מיט די צוויי קינדער, און די צוויי קינדער האבן נישט געטויגט, מ'האט נישט געלערנט און ס'איז נישט געווען קיין תכלית, איז געגאנגען דער עושר און פאר'ן ארימאנ'ס קינד האט ער געזאגט 'גיי אהיים, איך דארף דיך נישט דא', און זיין זון האט ער געשלאגן, און ער האט אים אהער גענומען, 'וואס הייסט דו לערנסט נישט'. האט דאס קינד געפרעגט דעם טאטן, פאר וואס יענעם יונגעל האסטו מער ליב, אים טוסטו גארנישט, און מיך שלאגסטו. האט אים דער עושר געענטפערט, ער איז דאך נישט מיין קינד, גייט מיך נישט אן ווי אזוי ער פירט זיך, אבער דו ביסט מיין קינד, וועל איך דיר נישט פארשווייגן, און איך וועל מיך נעמען איבער דיר ביז דו וועסט ווערן א יוד.

זאגט דער הייליגער דובנער מגיד מיט דעם, די תורה זאגט, אל תטמאו בכל אלה, עטץ זאלטץ ענק נישט מטמא זיין מיט די אלע תועבות, כי בכל אלה נטמאו הגוים אשר אני משלח מפניכם, די גוים אז זיי טוען די אלע זאכן פארשיק איך זיי פונעם לאנד, זיי האבן נישט קיין חלק אין די לאנד, אבער ענק וויל איך נישט פארטרייבן, עטץ זענטס מיינע קינדער, זאל עטץ זען, עטץ זאלטס ענק נישט אזוי פירן אז ס'זאל זיין 'ותקיא הארץ את יושביה' ווייל עטס זענטס מיינע קינדער, עטץ מוזטס זיין אין ארץ ישראל, עטץ דארפטס זען איך זאל קענען צוריק בויען דעם בית המקדש.

ממילא מוז א יוד זיך פירן בצניעות, א יוד איז דאך א בן מלך, כל ישראל בני מלכים הם, מוז מען אזוי לאנג זיך נאכקוקן און זיך מוסר'ן ביז מ'וועט ווערן גוט.

וועל איך זאגן אזוי, **- בנוגע די שטרימפ, ברויך א יעדער איינער אנצוטון די פאל"ם שטרימפ, און דוקא די דיקע פאל"ם,-** ווייל פון די פירמא אליין איז דא דיקע און דינע, זאל מען גיין דוקא מיט די דיקסטע וואס איז דא פון די פירמע, אזוי דארף מען גיין, **דאס גייט אן ביי די מיידלעך פון העכער דריי יאר, פון דריי יאר זאל מען גיין מיט די דיקע שטרומפ.**

**-די דאסטע"ר'ס זאלן נישט זיין געקנעפלט ביז אראפ, נאר עס זאל זיין די אונטערשטע העלפט אראפגענייעט, אנדערש טאר מען נישט גיין.-**

**-די מלבושים און די טורבאנ"ס מיט רעש'יגע קאלירן, נישט דוקא רויט און פינק וכדומה, נאר הוא הדין אנדערע קאלירן וואס שרייען ארויס, טאר מען נישט גיין מיט דעם בשום אופן,-** דאס איז בפירוש א לאו אין די תורה, ולא תלכו בחוקת הגוי אשר אני משלח מפניכם, **אויב מ'איז משנה זאל דער אייבערשטער אפהיטן וואס דאס קען ברענגן ר"ל.**

**- די ערמל זאלן זיין לאנג ביז אראפ, נישט דריי פערטל, נאר די גאנצע האנט זאל זיין באדעקט-.** אויך ביי די האלז פון די קליידער דארף מען שטארק מקפיד זיין, **-אז ס'זאל זיין פון פארנט און פון אונטן גוט פארמאכט-.**

**-מיט לאנגע דאסטער"ס טאר מען בשום אופן נישט ארויסגיין אויף די גאס, דאס איז פריצות.-**

**-פון די שמאלע קליידער זאל מען זיך שטארק היטן,-** אויב איינער האט דאס, וועל איך באצאלן ער זאל דאס אוועקווארפן און קויפן ברייטע קליידער. **דאס גיין מיט דעם איז א סכנה גדולה, דער אייבערשטער זאל זיך מרחם זיין.**

אזוי אויך פון אלע ערליי מאדעס זאל מען זיך דערווייטערן, דאס איז חקות הגוים **- אפילו די וואס גייען מיט שייטלען, זאל עס אוודאי לכתחילה זיין צוגעדעקט, און אין בית המדרש טאר מען נישט קומען מיט א אפענע שייטל, - אבער מיט א לאנגע שייטל אדער מיט ביי האר חלילה, איז א איסור גמור צו גיין.**

**שבת זאל מען אהיימגיין פון ביהמ"ד נאך כתר, כדי עס זאל נישט צוקומען צו תערובות און ביי די טישן פרייטאג צונאכטס זאל מען אהיים גיין פארן בענטשן** און ווען ס'איז דא א שבע ברכות, זאל מען אהיימגיין גלייך נאכ'ן זאגן די שבע ברכות, אדער ווען מ'טאנצט מיט א חתן, דעמאלטס **זאל מען אהיימגיין גלייך נאכ'ן טאנצן.**

**- די וואס האבן גוי'ישע געהילפן אין די שטובער, זאלן זיי זיכער מאכן אז זיי גייען מיט דאסטערס נישט מיט קורצע קליידער, נישט פריצות'דיג ח"ו.-**

**- און בכלל ווען די ווייבער גייען אויפ'ן גאס, ברויכן זיי צו זען מ'זאל נישט גיין מיט קיין געשריי, נישט רעדן הויך, און נישט מאכן קיין קופקעס, בפרט ווען מענער דארפן דורכגיין -** צום דאווענען אדער פון דאווענען.

**אויך דאס ענין פון אחדות, זאל מען שטארק מחזק** זיין, ווען ס'קומט פאר שמחות אין שטעטל, זאל מען זיך משתתף זיין איינער מיט'ן אנדערן מיטן גאנצן הארץ, מ'זאל נעמען א חלק אין יענעמ'ס שמחה ווי ווייט מ'קען, זוכן יענעם מחיה צו זיין, דאס איז א געוואלדיגע זאך אז מ'טוט יענעם משמח זיין, אז מ'גייט צו יענעמ'ס שמחה, און מ'איז משמח, קען מען פועל'ן אסאך ישועות, ס'איז מעורר אן עת

אויב מ'איז משנה זאל דער אייבערשטער אפהיטן וואס דאס קען ברענגן ר"ל.

# לאמיר אלע אינאיינעם טוהן זיין רצון!




רצון, און דאס ברענגט א געוואלדיגע קידוש ה׳, אז מ׳איז זיך מאחד אינאיינעם.

**איך בעט למען השם אז א יעדער זאל אנהאלטן די תקנות וואס מ׳האט געמאכט, מ׳זאל עס דורכקוקן און עס האלטן, מ׳זאל נישט משנה זיין, מזאל זיך נישט אוועקרירן אפילו א פינטל.**

און די געסט וואס קומען אהער, דארפן אויך האלטן די אלע תקנות, אויב מ׳זעט ביי זיי עפעס וואס איז נישט ווי ס׳ברויך צו זיין, זאל מען זיי מסביר זיין אז זיי קענען זיך נישט אזוי ארומדרייען, זיי מוזן זיך אנטאן געהעריג, סיי ביים קאפ און סיי ביי די קליידונג מ׳זאל זיי זאגן אז איך בין שטארק מקפיד, נישט נאר איך בין מקפיד, נאר דאס איז די דרך התורה, די תורה איז מקפיד, אפילו זיי קומען נאר אינדערוואכן אויף א טאג צוויי, דארפן זיי זיך אויך אנטון ווי מ׳גייט דא און עס זאל זיין צוגעגרייט אז מ׳זאל זיך קענען אזוי אנטון מ׳דארף נישט מורא האבן אז וועלן זיך נישט גוט געפונען, ווייל אז זיי קומען אהער איז פשט אז זיי ברויכן צו מיר אנקומען, און נישט איך צו זיי, ממילא דארפן זיי זיך צושטעלן. אפילו עס שמעקט נישט זיי דאס צו זאגן, ס׳פאסט אפשר נישט, אבער מ׳זאל נישט קוקן אויף דעם.


איך בעט למען השם אז א יעדער זאל אנהאלטן די תקנות וואס מ׳האט געמאכט, מ׳זאל עס דורכקוקן און עס האלטן, מ׳זאל נישט משנה זיין, מזאל זיך נישט אוועקרירן אפילו א פינטל.


**און אז מ׳וועט מקיים זיין די אלע זאכן, וועט דער אייבערשטער רוען צווישן אונז,** ווייל די השראת השכינה ווענדט זיך אין די אלע זאכן, ווייל אויב מ׳גייט חלילה נאך די מאדעס פארטרייבט מען די שכינה הקדושה, ווי דער פסוק זאגט ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך, אויב ס׳איז חלילה דא אן ערות דבר, קען די שכינה הקדושה נישט רוען, **אויב אבער א יוד איז זיך מרחיק פון די אלע זאכן, ער פירט זיך אויף ערליך,** דעמאלטס איז ער משרה די שכינה הקדושה ביי כלל ישראל, און אזוי קען ער שפירן דעם אייבערשטן יעדע רגע, ער שפירט זיך נאנט צום אייבערשטן, ער קען רעדן צום אייבערשטן א יעדע רגע דורך תהלים און דורך תפלה, דאס הארץ איז אפען, און אפילו אין יודיש קען מען רעדן צום אייבערשטן, מ׳קען זאגן ״הייליגער פאטער״ ״הייליגער טאטע״ ״ווייז מיר אן, געב מיר צו פארשטיין, פיר מיך אויפן ריכטיגן וועג״, **און דער אייבערשטער וועט אלעס צוהערן.**

**און איך וועל ווייטער שטארק מתפלל זיין מיטן גאנצן חיות פאר אונז און פאר אלע אידן,** כ׳וועל מתפלל זיין די שטעטל און אלע אידן בכל קהילות הקודש זאלן שטייגן און וואקסן און בליען, און קענען אויפשטעלן און אריין שיינען די תורה הקדושה, ס׳זאל בקדושה ובטהרה, און מיט דעת דקדושה, און אלע יודן ווי זיי זענען זאלן געהאלפן ווערן, דער אייבערשטער זאל אונז קענען אויסלייזן מיט די גאולה שלימה, און אז מ׳וועט פאלגען די אלע זאכן וואס מ׳האט גערעדט, וועט מען שוין האבן א גאולה פרטית, **אז מ׳וועט טון די אלע זאכן, מ׳וועט פאלגן, וועט דער אייבערשטער שוין געבן מתנות, ערליכע קינדער, געזונט, ס׳וועט זיין כי אני ה׳ רופאיך, מ׳וועט האבן לאנגע יארן, פרנסה, ס׳וועט זיין אלעס וואס א יוד דארף האבן אויף דער וועלט.**

און דורכדעם וועט קומען א גאולה כללית אויך, דער אייבערשטער וועט שוין שיקן משיח צדקינו מיט א גרויסן אור במהרה.

זאל דער אייבערשטער העלפן מ׳זאל נאך דאס יאר געהאלפן ווערן מיט די גאולה שלימה, ס׳זאל זיין שובע שמחות את פניך נעימות בימינך נצח, ס׳זאל זיין שמחה שלימה פאר יעדעם איינעם, ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן

**עס איז דא צו בייקומען די תקנות פון שטעטל ביי שפיצער**
**479 TASH**

אונזער
פליכט צו
באהיטען
די שטאט!